# בהיכל הישיבה

ישיבה גדולה
תורת
משולם פייש
ד'טאהש

א בליק
איינעם תורה פעסטונג
**ישיבה גדולה**
**תורת משולם פייש**
**ד'טאהש**
ניו יארק יע"א

## העכסט ערפאלגרייכע מוצלח'דיגע ערשטע זמן בהיכל "ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש" אריבער ב"ה מיט א אויסטערלישע הצלחה וסיעתא דשמיא למעלה מן המשוער

סוף זמן חזרות האט געפלאקערט ביי אלע שיעורי הישיבה – פעסט איבערגע'חזר'ט די דריי סימנים וואס מ'האט געלערנט שו"ע הלכות בורר סימן שי"ט-ש"כ-שכ"א - שטארקע דגוש זיך צושטעלן צום פארהער אויף גאנץ פרק הזהב גפ"ת וואס מ'האט געלערנט ביי שיעור פשוט

די לעצטע עטליכע וואכן פון זמן האט זיך אנגעזעהן א גאר שטארקע קול תורה, אזש ס'האט אויסגעזען ממש ווי אנהייב זמן, די בחורים זענען געזיצן און אריינגעהארעוועט דורכאויס אלע שיעורי הישיבה, זיך גרייטנדיג אויף די גרויסארטיגע בחינות אויף די לימודי הישיבה.

שיעור עיון האט מען פעסט אדורכגעלערנט פרק שנים אוחזין ממסכת בבא מציעא מיט די ראשונים ואחרונים, וואס מ'האט זיך געשטעלט על כור המבחן ביים מגי"ש הרה"ג ר' יואל גאנדל שליט"א, וואו ס'איז געווען צום באוואונדערן ווי אזוי די בחורים ענטפערן אויף אלע שאלות בטוב טעם ודעת.

שולחן ערוך האט מען געלערנט דורכאויס די זמן די דריי וויכטיגע סימנים בהלכות שבת סימן שי"ט-ש"כ-שכ"א דורך דעם מגי"ש הגאון דומ"ץ קהלתינו הק' ק"י שליט"א, און מ'האט זיך געשטעלט על כור המבחן דורך בחינות בכתב אויף הלכות בורר הנחיצות.

שיעור פשוט האט מען געלערנט דורכאויס דעם זמן, פרק הזהב ממסכת בבא מציעא גפ"ת, דורך די מגי"ש הרה"צ ר' אייזיק סג"ל שליט"א בן כ"ק מרן רבינו ריש מתיבתא קדישא שליט"א, מ'האט זיך עס פארהערט ביי הרה"צ המגי"ש שליט"א.

שיעור בקיאות האט מען געלערנט די פרקים השוכר את האומנין, השוכר את הפועלים, הבית והעליה, און די בחורים זענען געשטאנען צום פארהער דערויף.

## ביקור הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא אין ישיבה פארגאנגענעם מאנטאג ויקהל-פקודי העעל"ט

כ"ק רבינו שליט"א איז ערשינען בהיכל הישיבה צו תפלת מנחה בשעה 2:30 און מ'האט זיך גלייך געשטעלט דאווענען, צום עמוד איז צוגעגאנגען הבה"ח אלי' שטיין ני"ו ממצויני תלמידי ישיבתינו הק', ס'געווען א פייערדיגע תפלת מנחה.

נאך מנחה האט הרה"ג המנהל שליט"א איבערגעגעבן א גרוס פאר רבינו שליט"א פון די לימודים, און חזרות, וואו רבינו שליט"א האט גאר שטארק הנאה געהאט דערפון, און ארויסגעוויזן א קורת רוח. נאכדעם זענען אלע בחורים אריבער ביי רבינו שליט"א לברך ולהתברך באנפין נהירין, דערנאך האט מען ארויסבאגלייט רבינו שליט"א בשירה ובזמרה.

כי אורך ימים ושנות חיים.

# מסיבת לחיים לרגל הילולת הרה"ק מקאלוב זצוק"ל

דעם פארגאנגענעם דינסטאג פר' תצוה העעל"ט איז פארגעקומען א מסיבת לחיים רבתי לרגל הילולת הרה"ק מקאלוב זצ"ל וואו הרה"ג המנהל שליט"א האט מעלה געווען זכרונו הטהור און דערציילט עובדות וסיפורים.

# יומא דהילולא קדישא פון רביה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זצוק"ל אפגעראכטן מיט גרויס התרוממות

ביומדהל"ק נאך שחרית איז פארגעקומען א מסיבת לחיים רבתי לרגל ההילולא און הרה"ג המנהל שליט"א האט ארומגערעדט סיפורים וענינים מבעל הילולא.

פארנאכט'ס איז פארגעקומען א סעודת הילולא קדישא בראשות נכדו הרה"צ ר' אייזיק סג"ל שליט"א בן כ"ק מרן רבינו שליט"א ריש מתיבתא קדישא, וואו ער האט מעלה געווען זכרונו הקדוש, און ממשיך געווען די סעודה לליל כ"ב לרגל הילולת זקינו הרה"ק בעל בית יצחק מסוואליעווע זצוק"ל.

# ערליכער מעמד בחינה רבתי וסעודת ראש חודש ניסן צום סיום הזמן העעל"ט

כדי צוצוענדיגן דעם זמן מיט הזורעים בדמעה ברנה יקצורו איז דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג ראש חודש ניסן העעל"ט פארגעקומען א געהויבענע יום שכולו תורה, וואו עס זענען פארהערט געווארן אלע שיעורי ישיבה פונעם זמן החורף, דורך הגאון המגיד המפורסם פה מפיק מרגליות ר' שלום שרגא פייש פאפלאנאש שליט"א וואס איז באקאנט מיט זיין באוואוסטע לשון לימודים. ס'האט זיך גאר שטארק אנגעזעהן די התמדת התורה פון די חשובע בחורים, צוזעהנדיג ווי די בחורים ענטפערן אויף אלע שאלות בטוב טעם ודעת.

נאכ'ן בחינה רבתי איז פארגעקומען א סעודת ראש חודש בראשות די רמ"י ומרביצי תורה שליט"א און דער חשובער גאסט שליט"א, וואו הרה"ג ר' שלום שרגא פייש שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א אינהאלטסרייכע וואונדערבארע דרשה, מתובל מיט די עניני שיעורי הישיבה.

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

# הכנה ליום טוב חבורות אפגעצייכנט מיט א שטארקע תועלת

נאך די געוואלדיגע הצלחה פון די חבורה פון פאר פורים וואו די בחורי הישיבה האבן געלערנט הלכות פורים, האט מען עס פארגעזעצט אויף פאר יום טוב פסח הבעל"ט, וואו מ'לערנט די הלכות החג שולחן ערוך הרב. עס איז ארויסגעקומען א ספעציעלע קונטרס שולחן ערוך הרב כדי יעדער זאל קענען לערנען אין א באקוועמע פארמאט.

# די שבתים געפראוועט בין כותלי הישיבה

די וועכענטליכע שבתים אין ישיבה ווערן געפראוועט אויף א גאר דערהויבענעם פארנעם בשבת אחים גם יחד, צו די שטארקע הנאה, תועלת און צופרידענהייט פון די חשובע בחורים.

פרשת תרומה האט געוויילט אויף שב"ק הרה"ג ר' ברוך שטערן שליט"א אב"ד מירון מאנסי וואס האט געפראוועט דעם שבת בהתרגשות.

סעודת מלוה מלכא איז געפראוועט געווארן דורך הרה"ג ר' משה מאירוביץ שליט"א ר"מ במכינה לישיבה בקריתינו הק', וואס האט מאריך געווען בדברי הכנה לפורים, און רייך געשילדערט עבודתו בקודש פון רביה"ק זי"ע.

מוצאי שבת פר' תצוה - זכור האט מען געפראוועט א שיינע סעודת מלוה מלכה אין שטוב פונעם דיין ור"מ בישיבתינו שליט"א.

פרשת ויקהל פקודי-החודש האט געוויילט אויף שב"ק הגאון דומ"ץ דקהילתינו הק' ק"י ור"מ בישיבתינו הק' שליט"א וואס האט געפראוועט דעם שב"ק מיט א גרויס התרוממות.

סעודת מלוה מלכא דורך הרה"ג ר' יואל גאנדל שליט"א ר"מ בישיבתינו הק', וועלכער האט דערציילט סיפורי צדיקים א לענגערע צייט.

# התרגשות'דיגע ביקור דורך הגה"צ רבי יוחנן וואזנער שליט"א ראב"ד סקווירא בהיכל ישיבתינו הק' פארלאפענעם דאנערשטאג תצוה-זכור העעל"ט

הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א האט אפגעשטאט א באזוך בהיכל ישיבתינו הקדושה, און האט אויפגעטרעטן מיט א פייערדיגע דרשה. דער חשובער ראב"ד האט ארומגערעדט הערליכע ענינים בהתחזקות בתורה ובעבודה, ובפרט האט ער מאריך געווען בסיפורי ענינים נפלאים פון מרן רבינו הקדוש זצוק"ל צו וועם ער איז געווען אדוק ומקושר אלע יארן, און דער ראב"ד האט גאר שטארק מפלא געווען די ישיבה, וועלכע איז נתייסד געווארן ממשיך צו זיין דרכו הטהורה בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א.

נאכ'ן דרשה זענען אלע בחורים אריבער געבן שלום, און מ'האט געדאווענט תפלת מעריב.

# כותלי בית המדרש יוכיחו






























בס"ד

# רויע געפילן

## פון הארץ צום פענע



## פונעם ערשטן זמן אין דעם תור"ה פעסטונג ישיבה גדולה "תורת משולם פייש" ד'טאהש - ניו יארק

איך זיץ דא אין היכל הישיבה נאכן בחינה רבתי אויף אלע שיעורי הישיבה, דאס קול תורה פונעם "סוף זמן" האמערט נאך אין די ווענט, און איך פרוביר אראפצושרייבן מיינע געפילן פון דעם זמן. כ'האב געהאט די זכי' צו לערנען און שטייגן דא בישיבה של רבי, "ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש".

דאס איז נישט סתם נאך א ישיבה; דאס איז א ב"ה אויסגעשטיגן א תורה פעסטונג וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיט איין ציל: ממשיך צו זיין דעם דרך הטהורה פונעם הייליגן רבי'ן זצוק"ל לדורות הבאים. יעדן טאג דא אין ישיבה פילט זיך ווי א חוליא אין די גאלדענע קייט, ווי הרהגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א בעל חיי הלוי האט זיך אויסגעדריקט ביים באזוך דא אין ישיבה "די ישיבה איז ממשיך דעם דרך הטהורה".

די התרגשות דקדושה אום פרשת תולדות, ווען דער ריש מתיבתא קדישא ומייסד כ"ק מרן רבינו שליט"א איז געקומען מחנך זיין דעם נייעם צייטווייליגן בנין הישיבה מיט א פלאמעדיגע תפלת מנחה. דאס זיך ארומקוקן פונעם רבי'ן מיט אזא קורת רוח אויף אונזער פלייסיג לערנען, האט אונז געגעבן דעם טיפן געפיל אז דער רבי' קוקט ארויס אויף אונזער הצלחה בתורה עבודה ומדות טובות, וואו דער רבי האט דאס טאקע שטארק ארויסגעברענגט ביי די דברות קודש והדרכה.

### די הצלחה'דיגע מציאות

דער פסוק אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה האט דא די ריכטיגע באדייט.

די גאר שטארקע תורה ווינט אין ישיבה, און די ערנסטע עבודת התפלה, בקול ובכוונה אינעם סידור מיט א געלאסענקייט, וואו ס'פאסט פאר טאהשער בחורים, האט אונז געשטארקט און אוועקגעשטעלט ב"ה.

די פנימיות פון די ישיבה זעט זיך אן ביים פארטאגס סדר. איינע פון די שענסטע צייטן איז דער פעסטער טעגליכער סדר האשמורת, וואו ס'איז געווען רצון קדשו פון הייליגן רבי'ן זי"ע, וואס דאס איז דער יסוד פונעם גאנצן טאג.

זיצענדיג אין דעם אפגעזונדערטען ווינקעל, ווייט אוועק פון די רוישיגע וועלט. ווען די גאסן זענען נאך פינסטער, קאכט דער היכל בית המדרש! איך געדענק יום ה' פרשת ויגש, דעם טאג נאך ניטל - מיר האבן זיך געזעצט לערנען 4 אזייגער דעם שיעור עיון מיט א פלייסיגקייט וואס האט איבערגעשטיגן אלע ערווארטונגען. דאס איז דער טייטש פון "אנו משכימים והם משכימים".

דא איז דער פלאץ וואו יעדע איינציגסטע בחור פילט זיך וואו דער אחד המיוחד מסגל החבורה. יעדע בחור איז די ישיבה.

די אהבת חברים, די געוואלדיגע אחדות צווישן די בחורים - דאס איז אונזער אמת'ער כח. די מדות טובות, די סבלנות, די דרך ארץ וואס רבינו שליט"א פאדערט פון אונז איז אונזער סימבאל.

### דער טאהשער אויר - אין ווייטן ניו יארק

די לופט דא איז דורכגעזויגן מיט די אוירה דקדושה, כל רואיהם יעידון ויגידון אז מ'שפירט דא די טאהש'ער לופט. מען שפירט דעם "לשמו

ולזכרו" פון רבינו הקדוש זי"ע אין יעדן ווינקל. ס'איז נישט נאר דער נאמען "תורת משולם פייש", ס'איז דער לעבעדיגער מציאות, מ'לעבט דערין, מ'קאכט זיך בדרכו הטהורה, מ'לערנט ספריו הקדושים, ולאורו הבהיר נסע ונלך.

# די מרביצי תורה - אסאך מער פון דעם

איינע פון די זאכן וואס מאכט אונזער ישיבה אזוי ספעציעל, איז דאס געפיל אז מיר זענען נישט סתם 'תלמידים', נאר קינדער ביי אונזערע מגידי שיעור. די מרביצי תורה דא לעבן מיט מיט אונז; מען שפירט ווי אונזער הצלחה איז זייער אייגענע שמחה. ווען דער מנהל שליט"א קומט אריין אין בית המדרש, זיין צוגעלאזענקייט צולאזט יעדעם.

די שלשה כוכבי לכת, וועלכע געבן זיך אפ מיט אונז, מדי יום ביומו, די מגידי שיעור הרה"ג רבי יואל גאנדעל, הגאון דער דיין, הרה"צ רבי אייזיק, שליט"א אויסער זייערע שיעורים וועלכע זענען ממש וואונדערבאר ב"ה, איז זייער צוגעלאזענקייט צו אונז, זייערע 'שיעורים' פארן 'שיעור' עפעס וואס כ'קען נישט ארויסברענגען אפילו.

ווען מיר זיצן ביי א 'לחיים' מיט הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ בישיבה קטנה, אדער ביי די כסדר'דיגן שמועסן מיט הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א מנהל ישיבה קטנה, וואו מיר רופן אים "דער משגיח", זעט מען אין זייערע אויגן אז זיי מיינען אונזערט וועגן מיט אן אמת'ע ליבשאפט.

עס איז נישט דא קיין מחיצה - מען קען צוגיין שמועסן, זיך דורכצורעדן א סוגיא אדער א פערזענליכע ענין, און מען וועט אלץ באקומען א ווארעמע שמייכל און אן אפן הארץ. די הערצה וואס מיר האבן צו זיי קומט פון דעם וואס מיר זעען ווי זיי זענען אליין מבטל זייערע רצונות פאר אונזער שטייגונג. זיי זענען אונזערע לעבעדיגע מוסטערן, און די נאנטשאפט צו זיי איז דאס וואס גיט אונז דעם חשק צו זיין אמת'ער טאהשער בחורים און שטייגן העכער און העכער.

וואס זאל איך אייך זאגן? צו זען ווי אונזערע מגידי שיעור און משפיעים געבן זיך איבער, איז להפליא.

אונזער מנהל שליט"א וואס זארגט פאר יעדן בחור מיט אן אומבאגרעניצטע אהבה. די קלארע ווארעמע דרשות כסדר.

# שיעורי הישיבה:

דער הפלא'דיגער שיעור עיון מגי"ש הרה"ג ר' יואל גאנדל שליט"א, וואס מיט זיין קלארקייט אין "פרק שנים אוחזין" מיט די ראשונים ואחרונים, האט ער אונז געמאכט ליב האבן די גמרא.

דער שיעור פשוט מגי"ש הרה"צ רבי אייזיק סג"ל שליט"א, מיר האבן געהארעוועט פרק הזהב מיט רש"י ותוספות, ס'איז געגאנגען א רויעך, אן אפשטעל, טאג נאך טאג.

ביים שיעור בקיאות האט מען געלערנט מיט א פעסטקייט ב"ה פרקי השוכר את האומנין, השוכר את הפועלים, הבית והעליה.

די משגיחים ושו"מ הרה"ג ר' אבא חייא שטאלצבערג שליט"א און הרה"ג ר' מרדכי יודא שטערן שליט"א, דוגמאות פון חסידישע איידעלע תלמידי חכמים מלא תוכן, זייער איבערגעגעבנקייט צו אונז.

די חשובע מרביצי תורה וועלכע פלאמען אונז אן מיט חסידישע ספרים און הכנה לימי החג.



דער שולחן ערוך מגי"ש הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א האט אונז אויסגעלערנט דעם דרך צו לערנען שולחן ערוך אנגעהויבן מיט די סוגיות הגמרא ביז צו אסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא מיט א קלארקייט. אזוי האבן מיר ב"ה קונה געווען סימן שי"ט -ש"כ- שכ"א. זיינע וואונדערבארע שמועסן בעבודת ה', טעמו וראו כי טוב ה'.

דער דיין האט אונז געברענגט ביים לערנען הלכת בורר בשבת, איינע וועלכער האט מסביר געווען און געוויזן עטליכע מיני פילטער'ס און צוזאמען מיטן דיין איז מען אריבער די הלכות אויף הלכה למעשה.

# חזר'ן און זיך פארהערן מסכת בבא מציעא

דער ציל פון ענדיגן די יאהר בעז"ה מסכת בבא מציעא וואס דער מנהל האלט אין איין מחזק זיין, שטייט פאר אלע בחורים פאר די אויגן, אין יעדע פרייע צייט נוצט מען אויס.

די התמדה ביים "סוף זמן" חזרות, זיך צושטעלן צום גרויסן פארהער אויף אלע לימודי הישיבה.

דעם בין הזמנים לערנט מען יעדן טאג, אויסער די הלכות וספה"ק בעניני פסח, א עמוד פרק שנים אוחזין, און א עמוד אין פרק המקבל.

און קומענדיגן זמן הקיץ וועט מען בע"ה דורכהאקן, שיעור עיון פרק המפקיד, שיעור פשוט פרק איזהו נשך, שיעור בקיאות אלו מציאות און השואל, און איבערחזר'ן די לימודי זמן החורף בע"ה.

## רוחניות'דיגע שאיפות: "חבורות"

צווישן די לעכטיגע ווענט האבן מיר געבויט מער ווי נאר לערנען:

ווען איך קוק מיר ארום אין בית המדרש, שפיר איך ווי די ווענט אליין פלאקערן מיט אש קודש. עס איז נישט דא קיין מינוט וואס איז ליידיג; די התמדה דא איז עפעס וואס לאזט נישט קיין פלאץ פאר קיין שום זאך חוץ תורה ויראת שמים.

די ישיבה איז א קעסל וואס קאכט. צו עס איז די חבורה "הדור קבלוה" וואו מען האט געהארעוועט אין שולחן ערוך הל' פורים, אדער די "חבורת חפץ חיים" וואו בחורים נעמען זיך איינאיינעם צו היטן דעם לשון - מען זעהט דא אן עבודה. מיר לערנען נישט נאר "וואס" צו טון, נאר "וויאזוי" א טאהשער בחור דארף אויסזען: אן ערנסטער תלמיד חכם מיט א ווארעם חסידיש הארץ אנגעפולט מיט מדות טובות.

## מחזור החדשים:

מיטן ציל איבערצו'חזר'ן יעדן חודש אלע לימודים פון פאריגע חודש, א.א.וו. כסדר, ס'זאל זיין שגור בפיו.

## חבורת חפץ חיים:

די בחורים וואס האבן זיך צאמגענומען יעדן טאג צו לערנען און זיין נזהר אין שמירת הלשון.




## חבורת הדור קבלוה:

וואו מיר האבן געהארעוועט אין שולחן ערוך או"ח הלכות פורים, לידע את המעשה אשר יעשון.

## חבורת ודבר דבר:

געשטעלט אז מ'זאל זיך היטן דעם דיבור במשך שבת קודש.

## חבורת ספרי החג:

לערנען חסידישע ספרים וואס זענען מבאר די ענינים פון די קומענדיגע ימים טובים.

## חבורת הכנה ליו"ט:

וואו מ'האט געלערנט בדיבוק חברים יעדן טאג לכל הפחות 10 סעיפים אין שולחן ערוך הרב הלכת פסח.

## דרשות שונות ממגידים נפלאים:

וועלט בארימטע בעלי דרשנים, הגה"צ ראב"ד סקווירא, הגאון רבי מאיר צוויבעל, הגאון רבי שלום שרגא פייש פאפלאנאש, און נאך.

# די לעכטיגע שבתים בין כותלי הישיבה

ווער עס האט נישט מיטגעלעבט א שבת אין אונזער ישיבה, האט נישט געזען קיין "שבת אחים גם יחד". עס הייבט זיך שוין אן ביים ערב שבת קודש, ווען מען זעט די בחורים זיך גרייטן מיט אן ערנסטקייט צום שבת קודש, יעדע שבת מיט זיינע ענינים הקריאה מעורר הזמן. א ספעציעלע ליכטיגקייט האט געהערשט ווען מיר האבן געלערנט די הלכות שבת (סימנים ש"ט-ש"כ-שכ"א) ביים שיעור שו"ע פונעם דיין שליט"א - פלוצלינג איז יעדער דעטאל ביים שבת'דיגן טיש געווארן א לעבעדיגע סוגיא.

דאס דאווענען די תפלות שבת קודש זענען דורכגעווייקט מיט א ווארימקייט. די ווארעמע סעודות שבת זענען די צייט פון התרוממות הנפש. מען זינגט די טאהשער ניגונים מיט א דביקות, און מען הערט "סיפורי צדיקים" וואס פלאמען אן דאס הארץ.

מיר וועלן נישט פארגעסן שבת קודש פרשת נח און שב"ק פר' ויק"פ ווען דער דיין שליט"א האט געפראוועט, ס'איז געווען מעין עולם הבא, די שבתים מיטן רבי'נס קינדער, הרה"צ רבי ישראל מרדכי, רבי משה, רבי יצחק אייזיק, רבי יעקב שליט"א, הרה"ג ר' מרדכי בעריש מערמעלשטיין שליט"א משפיע ור"מ בישיבה קטנה, הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א מנהל ישיבה קטנה, הרה"ג ר' אלתר משה כהנא שליט"א ר"מ בישיבה קטנה, הרה"ג ר' אלקנה חיים סג"ל קרויס שליט"א, ועוד, וואס יעדער פאר זיך לפי דרכו האט אריינגעברענגט א ספעציעלע חיות אין אונז.

איך געדענק שב"ק פרשת וישלח, ווען הרה"ג ר' מאיר יהוסף ראטענבערג שליט"א האט געפראוועט מיט אונז דעם שבת. זיין דרשה איבער די חשיבות פון די "ישיבה יארן" האט אונז אלע באנומען.

יעדן שבת אינדערפרי נאכ'ן דאווענען איז געווען א קידושא רבה, וואו די אחדות צווישן די בחורים האט געשיינט

אויף די פנימ'ער, די דברי תורה וחסידות, וואו יעדער האט זיך מהנה געווען.

ביי די סעודות הערט מען כסדר צוריק גוטע גריסן איבער דעם שטייגונג פון די בחורים, און מען פילט ווי מען בויט זיך אויף בזכותו און בהשראתו פונעם הייליגן רבי'ן זצוק"ל.

דער מוצש"ק אין ישיבה איז א קאפיטל פאר זיך. הן די געשמאקע "סדר הלימוד" וועלכע קומט פאר תיכף נאך הבדלה, ס'לערנט זיך נאך בקדושת השבת.

דאן די סעודת מלוה מלכה מיט בארימטע געסט וועלכע קומען משפיע זיין אלעמאל פול מיט פרישע תוכן.

ווער קען פארגעסן די מלוה מלכא ווען הרה"ג ר' בנציון כ"ץ שליט"א (מארה"ק) איז געווען צו גאסט, און הרה"ג ר' משה מאירוביץ שליט"א ר"מ בישיבה למכינה, זיי האבן אונז צוריקגעפירט צו די הנהגות און עבודת עבודה פון רבינו הקדוש זצוק"ל מיט אזא ארגינעלע עכטקייט.

דאס זענען די שבתים מעין עולם הבא וואס געבן אונז דעם כח אויף די גאנצע וואך. דאס איז דער "טעם גן עדן" וואס וועט אונז באגלייטן אונזער גאנץ לעבן. מיר לעבן ב"ה אריין אין א שבת.

# דערהויבענע יומי דפגרא געפראוועט

יעדע ראש חודש, ימי הילולא, יומין דחנוכה, ט"ו שבט, ערב פורים איז אויסגענוצט געווארן, סיי זיך צוגרייטן צום יומא דפגרא בהכנה דרבה בתורה ובעבודה, און סיי דעם עצם טאג האט אונז ארויפגעבערענגט מעלות רמות, און ס'האט אריינגעברענגט א חיזוק אויף ווייטער.

די שיינע דרשת הכנה לחנוכה פונעם דיין שליט"א פאר חנוכה, די חנוכה מסיבות איין נאכט מיט רבי אייזיק סג"ל, און איין נאכט מיטן דיין איז געווען א ריכטיגע שוועבל אנצוצינדן דעם שלהבת אש קודש.

די מסיבת ח"י טבת בראשות דעם משפיע ר' מרדכי בערייש שליט"א, וועלכע גיט אריין א ווארימקייט צו תלמידי בעשטה"ק וספריהם הקדושים.

די דרשה נחוצה בעניני שידוכים בליל ניטל איז געווען זייער אינטערעסאנט און נוגע למעשה.

די שבועות השובבי"ם האט געפלאמט די ישיבה, די שעות רצופות, די תהלים ערב שבת פאר די סדר האשמורת. יא ס'האט אונז איבערגענומען.

# דער קשר אמיץ: "כבנים אצל אביהם"

פון די ערשטע טעג פונעם זמן אנגעהויבן, האט זיך שוין דערקענט די ספעציעלע "קורת רוח" פונעם רבי'ן שליט"א דער גרויסער מייסד וריש מתיבתא ווען ער איז געקומען מחנך זיין די נייע ישיבה. עס איז א קשר וואס ווערט באנייט יעדן טאג:

דער רבי שליט"א קומט כסדר פערזענליך באזוכן די היכל הישיבה, דאווענט מיט די בחורים, און קוקט זיך נאנט ארום אויף אלע בחורים, פרעגט זיך כסדר נאך, און פאראינטערעסירט זיך בכלל ובפרט.

ווען איך זיץ אין בית המדרש און איך קוק אויף דעם ליידיגן פלאץ וואו דער רבי שליט"א איז געזעסן ביי אונז פרשת תולדות, לויפט מיר נאך אלץ

דורך א ציטער פון ערווארטונג. ביי אונז אין ישיבה איז דער רבי נישט נאר א נשיא אדער א מנהיג וואס מען זעט פון דערווייטנס; ער איז דער "ריש מתיבתא" וואס לעבט מיט אונז יעדן דעטאל.

איך געדענק דעם מאנטאג ווען דער רבי איז אריינגעקומען אויף א פלוצלימ'דיגע באזוך. ער איז נישט סתם דורך געגאנגען, נאר ער האט זיך אפגעשטעלט און זיך ארומגעקוקט מיט אזא שטארקע "קורת רוח" אויף אונזער לערנען. מען האט געקענט זען אין זיינע



אויגן אז ער זעט אין אונז דעם המשכת הדורות על דרך הקודש פונעם הייליגן צדיק רבינו הקדוש זצוק"ל. דאס געבט מיר דעם כח צו עפענען די גמרא, און זיך פלאגן אויף די הייליגע ווערטער פון די ראשונים כמלאכים, איך ווייס אז דער רבי שליט"א פילט מיט אונזער הארעוואניע, ער איז מתפלל פאר אונז.

דעם פייערדיגן מעריב און דערנאך שחרית אים חנוכה, די מסיבת לחיים, דברות קודש והדרכה, חלוקת המטבעות האט פאר אונז געמיינט די גאנצע וועלט, און אונז אויפגעהויבן מעלה מעלה.

ווען איך קוק אויף אונזער רבי'ן, דעם ריש מתיבתא שליט"א, זע איך נישט נאר א גרויסע ראש ישיבה; איך זע א ראש ישיבה וואס זיין גאנצע הארץ איז ביי אונז. עס איז א קשר וואס מען קען נישט מסביר זיין פאר א פרעמדן - דאס איז די ווארימקייט ווען דער רבי קומט אריין אין בית המדרש אום פרשת תולדות אדער חנוכה, און מען זעט ווי ער קוקט אונז אן מיט אזא שטארקע ליבשאפט און קורת רוח, ממש ווי א טאטע וואס פרייט זיך מיט זיינע קינדער'ס הצלחה.

מיר שפירן אז מיר זענען זיין 'בבת עינו'.

די גאנצע הארעוואניע אונזערע, די שעות רצופות פון די ימי השובבי"ם, זענען געווען צו טון דעם רצון הבורא יתברך, און א 'מנחת ביכורים' וואס מיר האבן געוואלט ברענגען פארן רבי'ן פערזענליך.

ווען מיר זענען געווען אין קרית טאהש אום חמשה עשר בשבט, האבן מיר געפילט ווי מיר קומען אהיים - אונזער הארץ איז דארט וואו דער רבי איז. יעדער בחור דא ווייסט אז ער האט אן אפן טיר און א ווארעם פלאץ ביים רבי'ן אין הארץ, און דאס איז די נשמה וואס האלט אונז אלע צאמגעבונדן אלס איין הייליגע משפחה.

## א נסיעה פון התעלות

דאס איז אבער פונעדערווייטענס, ווי שווער איז צו שילדערן דעם נסיעה פון התעלות, די נסיעה האט זיך נישט אנגעהויבן ביים באס, נאר וואכן פריער. אין די הייליגע ימי השובבי"ם, האבן אונז אריינגעהארעוועט לענגערע שעות רצופות בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה. דער ציל איז געווען קלאר: מען פארט נישט מיט ליידיגע הענט. מיר גייען געבן א "מנחת ביכורים" פארן רבי'ן שליט"א - א מתנה פון תורה וואס זאל באלייכטן דעם רבינ'ס צורה.

ווען מען איז ענדליך ארויסגעפארן, איז דער באס געווארן א בית המדרש על גלגלים. מיט'ן ספעציעלן קונטרס "צדה לדרך - ויהי בנסוע" אין די הענט. די לופט איז געווען פיל מיט די ניגונים פון "כי בשמחה תצאון", און די ערווארטונג צו טרעטן אויף די הייליגע ערד פון קרית טאהש האט געברענגט א מורא'דיגע חיות אין יעדן בחור.

די שמחה פון "כי בשמחה תצאון" ווען מיר זענען געפארן קיין קרית טאהש זיך מסתופף צו זיין בצל הקודש פון אונזער ריש מתיבתא רבינו שליט"א, וועט מיר קיינמאל נישט ארויסגיין פון זכרון. די אהבה וואס דער רבי האט אונז געוויזן כסדר, דאס ברעכט מויערן און דערהייבט אונז לתורה ועבודת הבורא.

דעם דערהויבענעם שבת שירה, ווען מיר האבן זוכה געווען צו זיין בצל הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

למחרת חמשה עשר בשבט: יו"ט לאילנות איז געפראוועט געווארן א "טיש" אינאיינעם מיט די ישיבות הק' פון קרית טאהש און ישיבותינו הק' פון ניו יארק. וועלכע איז אריבער גאר אייגענארטיג און דערהויבן.

מיר האבן זיך אויך פאראהערט דעמאלטס ביים רבי'נס איידעם הרה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א סימנים שי"ט און ש"כ, ער האט באוואונדערט אונזערע ידיעות. אוודאי' אז מיר האבן אזא מגיד שיעור וואו דער דיין, וואס איז פקיע שמיה...

דאס הארץ פון די נסיעה איז געווען דער פערזענליכער קשר מיט'ן רבי'ן שליט"א. די בחורים האבן געפילט ווי "בנים הסמוכים אצל אביהם". דער פאקט אז דער רבי האט אויפגענומען מיט אזא ליבשאפט און קורת רוח, האט אריינגעבלאזן אין אונז נייע כוחות פאר'ן גאנצן קומענדיגן זמן, און נאך אסאך ווייטער בע"ה.

איך מוז מקצר זיין שוין, כ'דארף אהיימפארן בשעטומ"צ... כ'האב נישט דערמאנט דעם דערהויבענע פורים וואס מיר האבן געהאט צוזאמען, דאס גיין צוזאמען נאך געלט באחדות אחד מיט א ערענסטקייט, די התעוררות'דיגע סעודת פורים ביים משגיח.

•

"איך קוק זיך ארום אויף די ווענט פון בית המדרש און איך קען עס קוים גלויבן - מיר זענען די 'דור המייסדים'! מיר זענען די בחורים וואס האבן געהאט די זכיה צו לייגן די ערשטע ציגל אין דעם הייליגן בנין עדי עד. יעדער 'תוספות' וואס מיר לערנען דא פרי פארטאגס, יעדער ניגון וואס מיר זינגען אינאיינעם, ווערט אריינגעקריצט אין די יסודות פון די ישיבה. לדורות עולם וועט מען וויסן און געדענקען: דא, צווישן די כתלים פון 'תורת משולם פייש', דא האט אנגעהויבן קלאפן דאס הארץ און ברענען דער אש קודש פון טאהש מיט א פרישן ברען! וזה הקטן גדול יהיה, איך בין אזוי דאנקבאר צום באשעפער אז מיין נאמען איז א חלק פון דעם דאזיגן אנהייב."

דאס אלעס, די געוואלדיגע הצלחה און העכערע סייעתא דשמיא פון די נייע ישיבה גדולה תורת, איז זיכער למעלה מדרך הטבע, און איז צו פארדאנקען דעם ראש הישיבה רבינו שליט"א, וואס טראגט אונז על לוח לבו הטהור שטענדיג, און זאגט כסדר אז ס'איז בכחו ובזכותו ולאורו הבהיר פון רבינו הקדוש זי"ע. זאלן די זכותים פון הייליגן רבי'ן ואבותיו הקדושים זי"ע ווייטער מגין זיין אויף אונז, אז מיר זאלן מצליח זיין אין אלע ענינים, מ'זאל ווייטער שטייגן און דאס וועט אונז באגלייטן כל ימינו, אמן.




אַדִּיר הוּא יִבְנֶה בֵיתוֹ בְּקָרוֹב!